דוד־הירש ראָסקעס (ירושלים)

# צוויי וועגן צום חורבן

(רעדע געהאַלטן בײַ דער 46סטער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ, ניו־יאָרק, דעם 8טן מײַ 1972)

פֿאַראַן צוויי אופֿנים ווי אַ הײַנטיקער ייִד קען זיך טובֿלען אינעם תהום פֿונעם דריטן חורבן: דורך דער געשיכטע און דורך דער טראַדיציע. פֿאַראַן אָבער איין תנאי — אַז מע זאָל קוקן דעם גרויל פֿונעם גיא־צלמוות גלײַך אין פּנים אַרײַן. ערשט שפּעטער מעג ער פּרוּוון פֿאַראינעווייניקן דאָס בילד, פֿאַראַלגעמיינערן דעם פּראָצעס, זוכן טעאָריעס און אַבסטראַקציעס. בראשית, אין אָנהייב איז געווען דער טויט.

במשך נײַן יאָר פּרוּוו איך שוין געפֿינען אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך מיט דער אַמער׳ ייִדישער יוגנט, מיט מײַנע ענגליש־רעדנדיקע חברים, וואָס אויף דער שפּראַך זאָל איך קענען איבערגעבן מײַן אייגענע חורבן־וויזיע. פּרעגט מיך בחרם פֿון וואַנעט עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ ברענענדיקע וויזיע. איך ווייס אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז אַן אַ שיעור טאָגטעגלעכע חפֿצים — אַן אַבאַזשור, אַ שטיקל זײַף, אַ פּאָר שיך, אַ באַן — דערמאָנען מיר דעם חורבן. אַ מאָל ווערן די אַסאָציאַציעס אַזוי שרײַיִק אין מיר, אַז איך קען פּשוט ניט פֿאַרשטיין ווי די וועלט זעט דאָס ניט. זי גייט אָן ווי קיין מאָל גאָרניט, אָן אַ דין־וחשבון, אָן אַ ברעקל חרטה.

שוין מיט נײַן יאָר צוריק האָב איך איין זאַך פֿאַרשטאַנען, און איך האַלט, אַז דאָס איז ממש אַקסיאָמאַטיש פֿאַר איטלעכן איינעם וואָס פּרוּווט אײַנחזרן פּרשת־חורבן מיט אונדזער יוגנט; אַז עס האָט קיין ממשות ניט צו רעדן וועגן חורבן, אַז מע ווייסט ניט וואָסער ציוויליזאַציע איז חרובֿ געוואָרן. וואָס פֿאַר אַ באַטײַט האָט תּישעה־באָבֿ, אויב מע ווייסט גאָרניט וועגן דער פּראַכט פֿונעם בית־המקדש און וועגן דעם חשיבֿות פֿון ירושלים עיר־הקודש?

מיר איז אויסגעקומען דאָ ניט לאַנג דורכצוקוקן אַ מימיאָגראַפֿירטן וועגווײַזער פֿאַרן לימוד חורבן אין די שיקאַגער ייִדישע שולן. מע דערמאָנט נעמען פֿון ייִדישע שטעט און שטעטלעך, כאָטש די קינדער ווייסן געוויס ניט ווּ די שטעט געפֿינען זיך אויף דער מאַפּע און וואָסערע ייִדישע קהילות האָבן דאָרט עקסיסטירט. ייִדיש ווערט דערמאָנט בלויז איין מאָל, בשײַכות מיט חורבן־לידער (וואָס מע לערנט די קינדער דווקא אויף ענגליש); עס קומט אויס, לויטן וועגווײַזער, אַז מערבֿ־ און מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן גערעדט ענגליש און זענען געווען מער ווייניקער ייִדן פּונקט ווי מיר אַלע. נאָך מער, די זאַמלונג אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז גיכער דעם וועלטבאַנעם פֿון אַמעריקאַנער ייִדן איידער זי זאָל זיך פֿאַרטיפֿן אינעם קולטור־געוועב וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט. אַ טשיקאַווע זאַך: מע גיט אָפּ צוויי לעקציעס דעם אָפּרוף פֿון די גוים במשך דער מלחמה און קיין איין לעקציע ניט וועגן ייִדישן קולטור־לעבן אין די געטאָס. מע פֿאַרנעמט זיך דער עיקר מיט די נירנבערגער געזעצן און מיט עסראַציעס פֿאַר ייִדן. די באַהאַלטענע לערן־פּראָגראַם, הייסט עס, באַשטייט פֿון דרײַ הויפּט־אינטערעסן: וואָס מיינען די גוים וועגן אונדז, וואָס איז אונדזער לעגאַלער סטאַטוס און וואָס איז אונדזער דיעטע. דער אויספֿיר פֿון די תּלמידים דאַרף זײַן: גליק וואָס מיר וווינען אין אַמעריקע, ווּ די גוים האָבן אונדז ליב, ווּ אונדזער לעגאַלע פּאָזיציע איז אַ פֿאַרזיכערטע און ווּ מיר קענען עסן פֿון כּל־טובֿ.

מע קען אָבער ניט זאָגן אַז די צונויפֿשטעלערס פֿון אָט דעם וועגווײַזער זענען אין גאַנצן שולדיק אין דער איינזײַטיקייט פֿונעם קורס. אַזוי ווי זיי ניצן אויס בלויז ענגלישע מאַטעריאַלן, פֿאַראייביקן זיי די בלויזן פֿון דער ביזאיצטיקער חורבן־פֿאָרשונג. ס׳איז אַ פֿאַרכּישופֿטער קרײַז. ס׳רובֿ ווערק אויף ענגליש פֿאַרנעמען זיך מיט דרײַ פּראָבלעמען:

1. די טעכנאָלאָגיע פֿון דער „לעצטגילטיקער פֿאַרענטפֿערונג“. אַ דאַנק ראַול הילבערגן א״אַנד ווייסן מיר איצט גענוי וויפֿל טראַנספּאָרטן מיט וויפֿל ייִדן אין יעדן טראַנספּאָרט די נאַציס האָבן אָפּגעשיקט אין דעם און דעם טויטלאַגער. דאָס איז אַוודאי וויכטיק. וואָס ווייסן מיר אָבער וועגן דער פּסיכאָלאָגיע און פֿילאָסאָפֿיע וואָס האָט דערפֿירט די נאַציס צום גענאָציד? ווי אַזוי זענען 3000 פּשוטע דײַטשישע בירגערס מגולגל געוואָרן אין מאַסן־מערדערס און די חיִישע „אײַנזאַצגרופּן“? פֿאַר וואָס האָט נאָר איינער פֿון די 3000 זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער שחיטה און אים האָט מען אַהיימגעשיקט (לויטן אויספֿאָרש פֿון פּראָפֿ׳ עריך גאָלדהאַגען)? זעט ווי איראָניש דאָס איז. מיר פֿאַרמאָגן בײַ הײַנטיקן טאָג אַ צאָל אָנגעלאָדענע פּסיכאָאַנאַליסטישע טעאָריעס וועגן דער כּלומרשטער פּאַסיווקייט פֿונעם קרבן־פֿאָלק, אָבער ווײַזט מיר כאָטש איין ערנצטע פֿאָרשאַרבעט וועגן דער פּסיכאָפּאַטיע פֿונעם מערדערפֿאָלק (אָדער בעסער געזאָגט: פֿון די מערדער־פֿעלקער)! איז דאָס דער ערשטער בלויז: מיר קענען דעם דרויסנדיקן פֿענאָמען פֿון מאַסנמאָרד, אָבער מיר ווייסן כּמעט גאָרניט וועגן זײַן אינעווייניקסטן מהות.

2. ענגלישע ווערק פֿאַרנעמען זיך דער עיקר מיטן אומקום פֿון מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדן איידער מיט זייערע מיזרח־אייראָפּעיִשע ברידער. קען זײַן, אַז די אַבסאָלוטע צאָל חורבן־ווערק אויף ענגליש טיילט זיך גלײַך אויף גלײַך צווישן מיזרח און מערבֿ. ניט דאָס בין איך אויסן. דער טראָפּ פֿון די משפּיעדיקע ווערק, ווי למשל פֿרידלענדערס אַנטאָלאָגיע Out of the Whirlwind ווערט געלייגט אויפֿן ייִדישן קיבוץ אין מערבֿ־אייראָפּע, וואָס ער איז נעענטער צום גײַסט פֿונעם אַמעריקאַנער לייענער. איך גלייב, אַז אַנאַ פֿראַנקס טאָגבוך איז אַזוי גוואַלדיק פּאָפּולער דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרמאָגט כּמעט אין גאַנצן ניט קיין ייִדישן אינהאַלט. ס׳איז אַ סך לײַכטער זיך צו אידענטיפֿיצירן מיטן ייִד ווי אַן אוניווערסאַלע געשטאַלט איידער מיטן ייִד וואָס איז דורך און דורך ייִד און וואָס מיט אים שעמען מיר זיך אַ ביסל.

3. דער גרעסטער בלויז, לויט מײַן מיינונג, פֿון דער ביזאיצטיקער חורבן־פֿאָרשונג בכלל איז וואָס זי איז אַזוי אַפּאָלאָגעטיש וואָס שייך ייִדישער ווידערשטאַנד. כּדי צו באַקעמפֿן דעם סאַבראַס־שיפֿלות־קאָמפּלעקס, דעם פּסיכאָאַנאַליטיקערס זיך־שינאה און דעם אַמעריקאַנער ייִדנס אומוויסן וועגן די טראַדיציאָנעלע פֿאָרמען פֿון ייִדישער ווידערשטאַנד, האָבן חורבן־פֿאָרשערס גוואַלדיק איבערגעטריבן דעם פֿאַרנעם און דאָס חשיבֿות פֿון פֿיזישער ווידערשטאַנד. דאָס אַליין איז נאָך ווייניק, דאַרפֿן די ווערק וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג גופֿא זײַן אַזוי אידעאָלאָגיש צוגעשפּיצט, אַז מע ווייסט גאָרניט וועמען צו גלויבן. דער עצם פֿאַקט, וואָס דאָס רובֿ חורבן־פֿאָרשערס אין ישׂראל זענען געוועזענע פּאַרטיזאַנערס וואָס האָבן דערצו געהערט צו ציוניסטישע גרופּעס, ווײַזט בולט אָן אויף דער אידעאָלאָגישער ריכטונג.

דערפֿאַר זאָג איך, אַז דער וואָס וויל שטודירן די גרויליקסטע תּקופֿה אין אונדזער געשיכטע, מוז קוקן מיט אָפֿענע אויגן, ניט שאַנעווען זיך און שטעלן די מוראדיקסטע קשיות. דער פּעדאַגאָג אָדער פֿאָרשער, ווידער, טאָר ניט צופּאַסן די פֿאַקטן צו די פֿאָראורטלען פֿון זייער עולם.

מײַנע קאָמוניקיר־באַמיִונגען האָבן זיך ביז איצט קאָנצענטרירט אַרום איין טאָג אינעם לוח — כ״ז בניסן, דעם אַזוי גערופֿענעם יום השואה: די מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, ווּ עס קומען זיך צונויף אַזעלכע

ייִדן וואָס וועלן דעם חורבן סײַ ווי ניט פֿאַרגעסן, איז ניט קיין מוסטער פֿאַרן נײַעם דור. מע מוז זיי אָנהייבן בײַם אָנהייב. האָב איך געפּרוּווט געבן אַ היסטאָרישן איבערבליק, צו ערשט דורך רעציטאַציע און ליד, שפּעטער מיט מער פֿאָרמעלע טעאַטראַלישע מיטלען, איבערן קאַמף פֿון די ייִדן אין די געטאָס.

אין 1967 האָב איך געפּרוּווט סכעמאַטיזירן די סתּירות פֿון ייִדישן ווידערשטאַנד לויט צוויי היסטאָרישע געשטאַלטן אין ווילנער געטאָ — זעליק קלמנאָוויטש און איציק וויטנבערג. אַן אַנדערש מאָל האָב איך אויסגעניצט די טאָגביכער פֿון עמנואל רינגלבלום און חיים קאַפּלאַן צו ווײַזן די פֿאַרצווײַגטע קולטור־ און פֿילאַנטראָפּישע אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ.

מיט די טויטלאַגערן האָב איך זיך קיין מאָל ניט פֿאַרנומען ווײַל איך פֿאַרשטיי ניט וואָס דאָרטן איז פֿאָרגעקומען און איך ווייס ניט ווי מע קען זיי אויסמאָלן אויף אַ רעאַליסטישן אופֿן. אינעם געטאָ־לעבן, להיפּוך, האָב איך געפֿונען פֿאַרשטענדלעכע מוסטערן פֿונעם אָפּרוף בײַ ייִדן, ווען זיי שטייען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט.

אַלץ איז געוואָרן אַ גאַנצער קעגן טויט, אַפֿילו די שפּראַך וואָס ייִדן האָבן גערעדט. ווען מע קוקט דורך, למשל, נחמן בלומענטאַלס „ווערטער און ווערטלעך פֿון דער חורבן־תּקופֿה", זעט מען ווי ייִדן האָבן אָנגעמאָסטן טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן אויף דער נײַער רעאַליטעט. ווען מע האָט בגוואַלד אָפּגעשאָרן די בערד בײַ ייִדן, איז דער אָפּרוף געווען: „אַ שיינע כּפּרה אויף משיחן, ער האָט ניט געוואָלט קומען צו ייִדן מיט בערד, מוז ער קומען צו ייִדן אָן בערד." אין וואַרשע, האָבן די דײַטשן געביטן דעם נאָמען פֿון פּלאַץ סאַסקי אויף היטלער־פּלאַץ. דערציילט רינגלבלום, אַז „יעדעס מאָל ווען דער טראַמוויי קומט צו צו דעם פּלאַץ און דער קאָנדוקטאָר רופֿט אויס: היטלער־פּלאַץ — זאָגן ייִדן אָמן." אַזוי אַרום האָבן ייִדן ניט נאָר געקענט הומאַניזירן דעם טויט, נאָר אַפֿילו אָפּלאַכן פֿון אים.

אַ באַזונדער אָרט אינעם געטאָ־לעבן האָט פֿאַרנומען דאָס ייִדישע ליד, וואָס מ'האָט קוים אָנגעהויבן עס אויסצופֿאָרשן. מיר קריגן אַ בליציק אַרײַנבליק אינעם ייִדישן שאַפֿערישן פּראָצעס אין עקסטרעמיס, ווען מיר הערן ווי אַזוי ייִדן אין ווילנער געטאָ האָבן צוגעפּאַסט אַ טראַדיציאָנעלן חתונה־טאַנץ־ניגון צו די ווערטער:

האָט זיך מיר די שיך צעריסן,
ווי צו מײַנע יאָרן!
די קראַגנס האָט מען אונדז אָפּגעריסן —
ווער איך דאָך פֿאַרפֿראָרן.
טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ אַ ביסעלע מיט מיר,
אוי איר גרויסע פּרעסטערלעך,
איר קומט דאָך פֿון סיביר.

און ווער רעדט נאָך וועגן אָפּהיטן דאָס ייִדישע וואָרט אין געטאָ דורך ביבליאָטעקן און קולטור־אָוונטן. מע וואָלט געדאַרפֿט אויספֿאָרשן גענוי וואָסערע פּיעסעס מ'האָט געשטעלט אין די פֿאַרשיידענע געטאָ־טעאַטערס און פֿאַר וואָס. מע וואָלט געדאַרפֿט אויסשטודירן די ראָלע פֿון די הויף־קאָמיטעטן און די כּלערליי הילף־אָרגאַניזאַציעס. וואָס האָט יאָ געהאַט אַ פּרעצעדענט אינעם ייִדישן קהילה־לעבן און וואָס ניט? דאָס אַלץ מוז פֿאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין וואָסער ניט איז פּרעזענטאַציע וועגן דעם חורבן.

אָבער וואָס ווײַטער אַלץ קלאָרער האָב איך דערפֿילט, אַז איך קען קיין אָרומנעמיק בילד ניט אויסמאָלן, אַפֿילו ווען דער יונגער עולם וואָלט יאָ געקענט די קולטור־געשיכטע פֿונעם אומגעבראַכטן פֿאָלק. סוף־כּל־סוף ווערן די בלעטער פֿון די געשיכטע־ביכער פֿאַרברענט אינעם פֿײַער פֿונעם תּהום. ווען איך זאָל פֿאַר אײַך פֿירלייענען די ראָשי־פּרקים בלויז פֿון ראָול הילבערגס ספֿר, וואָלט איר געמיינט, אַז איך רעד עפּעס אַן אַנטישפּראַך אָדער אַז איך שפּיל זיך מיט דעמאָנישע זאַבאַבאָנעס.

אַחוץ דעם בליק פֿון דער געשיכטע מוז זײַן אַ ווײַטערער בליק וואָס זאָל באַפֿרײַען דעם היסטאָרישן אַקט פֿון די ענגע גרענעצן פֿון צײַט און אָרט. ווײַל די סימבאָלן, מעטאַפֿאָרן, אַרכיטיפּן און פֿורעמס פֿונעם ייִדישן חורבן נעמען אַרום דעם גאַנצן אוניווערס און צעשטערן אַלע ביזאַיצטיקייטן.

ס'איז הײַנט פֿרילינג. אָבער נאָכן חורבן ווייסן מיר, אַז פֿרילינג איז די פּאַסיקסטע צײַט פֿאַר דעפּאָרטאַציעס ווי אויך פֿאַר אויפֿשטאַנדן. צי איז דאָס אפֿשר דערפֿאַר וואָס יעדע ציוויליזאַציע מוז ברענגען איר מענטשלעכן קרבן אין פֿרילינג? פֿאַר וואָס האָט מען אומגעבראַכט ייִדן דווקא אין אַ וווּנדער שיינער לאַנדשאַפֿט? מע דאַרף זוכן מיט ליכט צו געפֿינען נאָך אַזאַ פּרעכטיקן וואַלד ווי דער וואַלד אין פּאָנאַר, וווּ איך בין געווען מיט אַכט חדשים צוריק. איז דען דאָ אַן עסטעטיק פֿון טויט? די אַבאַזשורן אין בוכנוואַלד געמאַכט פֿון טאַטויִרטער מענטשלעכער הויט — זענען זיי ניט די העכסטע קונסטפֿאָרעם פֿונעם 20סטן י"ה? ווי קומען אָבער טאַטויִרונגען צו אַ ייִדן — ס'איז דאָך בפֿירוש אַ פֿאָרעם פֿון עבֿודה־זרה! אָדער פֿאַרקערט. קען מען זאָגן, אַז די מיצווה פֿון „וקשרתּם לאות על ידך" איז אַ רמז אויף די טאַטויִרטע אוישוויץ־נומערן?

כּדי צו זען, ווי די סימבאָלן פֿון נעכטן און הײַנט מישן זיך אויס אין אַן אומגלייבלעכער פּאַנאָראַמע, דאַרף מען באַנײַען דעם מדרשדיקן פּראָצעס, ווי עס האָבן געטאָן אונדזערע ייִדישע פּאָעטן.

די תּורה האָבן מיר מקבל געווען בײַם סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תּורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זײַנען אַלע בײַזאַמען
געשטאַנען בײַ מתּן־תּורה,
אַזוי וואָר זײַנען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

צי זאָל דאָס ליד פֿון גלאַטשטיינען ניט זײַן דער תּמצית פֿון אונדזער גלויבן, דער אָנהייב פֿון אַלע אָנהייבן? ווי סוצקעווער האָט באַשריבן דאָס איבערגיסן די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ, דאַרפֿן מיר הײַנט אויסמישן די בראָכשטיקער פֿון די לוחות בײַם סיני מיטן ייִדישן אַש פֿון לובלין. מיר דאַרפֿן איבערבויען דעם בית־המיקדש לויטן פּלאַן פֿונעם טויטלאַגער און וווּ פֿריִער איז געשטאַנען דער קדשי־קדשים, וווּ גאָטס וואָלקן האָט געהויערט, ווי עס שטייט געשריבן:

און די כּהנים האָבן ניט געקענט זיך שטעלן, טאָן דעם דינסט,
פֿון וועגן דעם וואָלקן, וואָרעם די פּראַכט פֿון גאָט האָט
אָנגעפֿילט דאָס הויז פֿון גאָט... (מלכים א ח, 11).

דאַרף איצט שטיין דער נײַער קדשי־קדשים, וווּ דער וואָלקן פֿון גאַז האָט געוועלטיקט און קיין שום ייִד איז פֿון דאָרטן ניט אַרויס לעבעדיקערהייט.

ווײַל דער חורבן לעבט אין אונדז און וועט אייביק לעבן אין אונדז. צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט. ווײַל דער חורבן איז אײַנגעפֿלאַנטערט אינעם גאַנצן געוועב פֿון אונדזער זײַן, פֿון אונדזער גלויבן און אומגלויבן. ווער עס נעמט זיך אונטער צו פֿירן יענעם אויף אָט דעם מוראדיקן וועג פֿון זיך־דערקענטעניש, נעמט זיך אונטער אַ שליחות, וואָס קען קיין מאָל ניט אויסגעפֿירט ווערן ביזן סוף. דער וועג פֿון טויט פֿירט צום לעבן, דערפֿאַר איז דער וועג אַן אָנסופֿיקער ער ציט זיך דורך אַלע ווײַטערדיקע דורות.